# צום פינטל

גליון נה

פרשת ויצא תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### תמימות יחד עם רמאות

**גילוי דעת: אונז האבן נישט קיין השגה אין די אבות הקדושים, אלעס וואס אונז לערנען דא, איז נאר צו זען אונזער וועלט לפי וואס ס'שיינט פון די פסוקי התורה.**

#### ◆ תמימות און ישרות

יעקב אבינו איז געווען א 'איש תם', אבער ער האט אויך גוט פארשטאנען צו 'רמאות', ווי מ'זעט וואס ער האט צוריק ארויסגע'נער'ט פון לבן. די גמרא פארציילט אז יעקב האט געזאגט פאר רחל אמנו - גלייך ווען ער האט איר געטראפן - 'כי אחי אביה הוא' - 'אחיו אנכי ברמאות', און רחל האט אים געפרעגט, מעג דען א צדיק גיין מיט רמאות, האט יעקב געענטפערט אז יא, ווי די פסוק זאגט 'עם עקש תתפתל', מיט א קרימער גיי קרים (מגילה יג עמוד ב, ב"ב קכג עמוד א).

מ'דארף פארשטיין ווי גייט תמימות צוזאמען מיט רמאות, תמימות און רמאות זענען דאך ממש צוויי פארקערטע זאכן, א 'תם' איז איינער מיט א 'תמימות הלב' וואס האלטן זיך צו איין זאך, זיין הארץ איז נישט צוטיילט אויף ריבוי דיעות און ענינים, ער האט נישט קיין 'חשבונות רבים', אלעס איז ביי אים 'ישר', גראד אויף פאראויס, גראד צום נקודה ('סטרעט פאריאיט').

און א 'רמאי' איז פונקט די פארקערטע, א 'רמאי' מוז אלץ גיין פון ארום ארום, אלץ איז ער פארנומען מיט 'ריבוי דיעות' און שיטות, פירענדיג גאנצטע חשבונות מיט יעדן איינעם, מיט יעדן האט ער א גאנצע חשבון וויאזוי ער זאל מיט אים דילען, וויאזוי ער זאל זיך צו אים חנפ'נען און אזוי ווייטער. וואס די אלע זאכן העלפן דעם 'רמאי' צו בלייבן פארדעקט, אז קיינער זאל נישט כאפן אז ער שלעפט אלעס און אלעמען צו זיינע רצונות.

איז ממילא ווי אזוי קען זיין איין מענטש וואס זאל זיין סיי א 'תם' מיט א גראדע הארץ, און סיי א 'רמאי' מיט א פארדרייטע הארץ, אדער איז זיין הארץ גראה, אדער איז זיין הארץ פארדרייט, ווי גייט עס ביידע אין איינעם.

ס'איז באקאנטע די ווארט (רמתיים צופים בשם דער לובלינער) אז 'איש תם' מיינט א 'בעל הבית' אויף זיין 'תמימות', ער ווייסט ווען יא צו נוצן די תמימות און ווען נישט, אבער רש"י הקדוש זאגט אויף די ווערטער 'איש תם', אז א 'תם' איז איינער וואס פארשטייט בכלל נישט ווי אזוי צו מרמה זיין ('אינו בקי לרמות'), איז וויאזוי איז שייך צו זיין א 'אחיו אנכי ברמאות', און פון די אנדערע זייט, זיין א תם וואס איז פארשטייט בכלל נישט וויאזוי מרמה צו זיין ('אינו בקי לרמות'), איז מען יא 'בקי' אדער נישט?

> **אויב זאגט מען ליגנט פשוט זיך צו הוטן, איז נישט דא ביי דעם קיין שום שאלה פון ליגנט, אפילו נישט קיין איסור דרבנן, און אפילו נישט קיין מילי דחסידות, א מענטש מעג זיך אפהוטן זיינע פריוואטע זאכן**

#### ◆ עיקר מהותו בתמימות

און די ספרים איז דא כמה וועגען דאס צו פארענטפערן, ס'איז דא וואס זאגן אז די 'תמימות' איז געווען ביי אים דער עיקר, און די 'רמאות' איז נאר געווען אזויווי א 'לבוש', א לבוש וואס מ'טוט אָן בעת הצורך, און דאס איז די ענין פון די 'בגדי החמודות' וואס ער האט אנגעטון ביי די ברכות, וואס זיי זענען מסמל די ענין פון א לבוש, מסמל צו זיין אז די רמאות איז נישט אים אליינס, דאס איז נישט זיין עצם (די 'בגדי החמודות' זענען געווען מיוחד פאר 'צידה', צו מאכן 'תחבולות' אריינצונערן די 'בעלי חיים' זיי צו פאנגן, איז דאס טאקע ממש די ענין פון א 'לבוש' אויף 'רמאות').

אבער די מהלך איז שווער, ווייל יעקב איז דאך געבוירן געווארן מיט די כח פון 'רמאות', 'הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים', די רמאות איז נישט געווען ווי עפעס א זייטיגע 'לבוש', די 'רמאות' איז געווען ווי א חלק פון זיין עצם מהות. איז אויב אזוי ווי קען טאקע זיין אז אין זיין עצם מהות האט געהאט צוויי פארקערטע כוחות, רמאות און תמימות צוזאמען.

איז מ'וואלט געקענט זאגן פארקערט, אז די 'עצם נאטור' פון יעקב איז מער געווען די כח הרמאות, וואס מיט דעם איז ער געבוירן, 'הכי קרא שמו יעקב', און די 'תמימות' דאס האט ער ערשט שפעטער קונה געווען, דורכן מכניע זיין די 'רמאות' צו 'תמימות' פאר א 'טבע שני'. יעקב איז געווען א 'אינו בקי לרמות' דורך דעם וואס ער האט זיך מרגיל געווען צו תמימות, די רגילות צו תמימות איז ביי אים געווארן א טבע שני, און אים געמאכט אויס 'רגיל' און אויס 'בקי' אין רמאות, אבער היות פארט איז די רמאות זיינער געווען ביי אים א טבע ראשון, האט ער עס געקענט ארויס נעמען לפי הצורך.

אבער דאס איז זייער א רחוק'דיגער פשט, צו זאגן אז די 'טבע ראשון' פון יעקב איז געווען 'רמאות', בפרט אז מקרא מלא דבר הכתוב 'ויעקב איש תם', וואס דאס דריקט שטארק אז די 'תמימות' איז געווען די עצם מהות זיינער. איז צוריק צו וואס מ'האט געפרעגט, וואס איז געווען די עצם מהות זיינער, די 'ויעקבני זה פעמים', וואס מיט דעם איז ער געבוירן געווארן, אדער די תמימות פון 'איש תם יושב אהלים'.

#### ◆ רמאות דוקא מיט תמימות

איז דער אמת'ער פשט איז אז יעקב אבינו האט נישט געהאט קיין שום שייכות צו 'רמאות', ער איז נישט געבוירן מיט קיין רמאות, און ער האט זיך דאס אויך נישט שפעטער צוגעלערנט, ער האט ניטאמאל געוויסט וואס די פארדרייטע סחורה איז בכלל, ווי רש"י זאגט 'מי שאינו בקי לרמות קרי תם'. און דאס האט אנגעהאלטן א גאנץ לעבן פון יעקב אבינו, אויך אין די צייטן וואס ער איז געווען ביי לבן הארמי, קיינמאל האט ער נישט געהאט קיין שום בקיאות אין אזעלכע זאכן.

און דאס וואס יעקב האט געזאגט 'אחיו אני ברמאות', דאס איז אזא אויסשפראך כאילו מ'וואלט געזאגט "איך קען זיך מיט אים פארמעסטן". יעקב האט געזאגט פאר רחל "די שרעקסט מיך אזוי אָן אז דיין

המשך בעמוד הבא

טאטע איז א רמאי, זאלסטו וויסן זיין אז איך מיט מיין תמימות קען זיך נאך אזוי גוט פארמעסטן, איך מיט מיין גראדקייט קען זיך נאך אזוי פארמעסטן מיט דיין טאטן'ס קרימקייט".

דאס איז די טיפקייט פון יעקב'ס רמאות, יעקב'ס רמאות מיינט פשוט נאך א טיפערע דרגא אין 'תמימות', יעקב איז אריינגעקומען מיט א זוכערקייט און א 'גראדקייט' אנבאלאנגט צו זיין געלט, ס'איז געווען ביי אים קלאר אז אויב וועט 'לבן הארמי' אים אויספאפן, וועט ער יעקב מיט זיין תמימות אים בייקומען, ער וועט זיך קענען מיט אים פארמעסטן און מאכן זוכער אז ער זעט זיין געלט ארויס.

יעקב אבינו איז קיינמאל נישט צוגעגאנגען מיט א 'ציל' אויסצו'נער'ן לבן, ער האט אפילו נישט געוויסט ווי אזוי מ'מאכט אזא ציל, וואס ער האט אבער יא געוויסט, אז ער ארבעט שווער פאר זיין געלט, און ער זוכער אז זיין געלט וועט אנקומען צו אים אין טאש. און לכבוד דעם האט ער געהאט א גאנצע צייט אפענע אויגן און אויערן, אויסווארטנדיג פאר די ריכטיגע צייט און פלאץ, כדי צו קענען ארויס ראטעווען פון לבן זיין חלק וואס ס'קומט זיך אים.

אין חז"ל איז דא אסאך מאל אזא היתר פון 'כמציל מידם', אז די חז"ל זענען מתיר פארשידענע זאכן צו קענען ארויס ראטווען יודישע געלטער פון די גוים, און יעדער פארשטייט אז דאס האט נישט צו טון מיט 'רמאות', דאס איז פשוט זיך אליינס צו ראטווען, מ'איז בכלל נישט 'ביזי' מיט זיי, מ'איז נאר ביזי מיט זיך אליינס, זיך ארויסצוראטווען. מ'קוקט ארויס אויף די ריכטיגע צייט און מקום, צו קענען ארויס ראטווען דיינס א זאך, צוריק צו באקומען אלעס וואס ס'קומט זיך אים.

יעקב אבינו'ס כשר'ע געלט איז געווען ביי אים זייער חשוב, קיין דולער וועט ער נישט לאזן אריינפאלן צו לבן, אבער ער גייט זיך נישט גיין שלאגן מיט אים, ער גייט אויך נישט מאכן א 'ציל' אים אויסצונערן, יעקב אבינו פארשטייט נישט צו דעם, זיין נושא איז איין זאך, צו מאכן א 'ציל' צוריק צו זען זיין געלט ביי זיך. יעקב איז א 'אינו בקי לרמות', ער טראכט נישט פון 'לבן' וואס האט אים אויסגעשפילט, זיין נושא איז נאר איין זאך, 'אהער מיט די געלט', די געלט וואס איך האב זיך ערליך פארדינט, דאס וועל איך בשום אופן נישט לאזן אריינפאלן אין לבן'ס הענט.

דער 'תמים' מיט זיין גראדקייט, ווערט נישט איבער גענומען פון יענעמס פארדרייטקייט, נישט קיין חילוק ווי סאך יענער זאל דרייען א קאפ, וועט נישט זיין מעגליך אז ער זאל פארדרייט ווערן, זיין טבע איז אז ער פאָרט גראָד ביז ער זעט זיך ארויס אינגאנצן מיט די געלט וואס ער האט געוואלט. ביז דערוויל היות האט ער סיי ווי נישט קיין 'אפעטאנערי' צוריק צו זען זיינס, וועט ער קענען אפילו ווייטער מיט גיין מיטן 'רמאי', ער וועט רואיג אויסווארטן ביז ער וועט טרעפן די ריכטיגע עצה ארויסצונעמען וואס ס'קומט זיך אים.

'לבן הארמי' ווערט אנגערופן 'ארמי' מלשון 'רמאות' (מדרש רבה). יעקב'ס נאמען איז אויך געווען פון א לשון פון 'רמאות', 'יעקב' טייטשט אויך א 'פאפער' (ויעקבני זה פעמים, עקוב הלב וכדומה), אבער יעקב איז געווען א אנדערע סארט 'פאפער', א 'פאפער' וואס גייט נאך יענעמ'ס פיס טריט (מלשון עקב), ער גייט אים שטילערהייט נאך ביז ער טרעפט א וועג ארויסצובאקומען וואס ער דארף, ער איז נישט פארנומען זיך ארום צו שלאגן מיטן צווייטן, ער גייט נאר שטילערהייט נאך זיינע פיס טריט, ער האלט פשוט קאפ ארויסצונעמען פון אים אויף א פשוט'ע וועג דאס וואס קומט זיך אים.

און דאס גופא טוט ער אויך מיט די גאנצע א תמימות, ער פארשטייט נישט די נושא פון ארום שפילן מיט יענעם און אים ארום דרייען פון אלע זייטן, ער פארשטייט נאר צו זיין 'קאנפעדענט' מיט זיך, 'קאנפדענט' מיט וואס ס'קומט זיך אים, און ווי סאך יענער זאל אים ארום דרייען, בלייבט ער מיט די תמימות און זוכערקייט מיט די געלט וואס ער דארף ארויסנעמען. זאל יענער ארום דרייען ביז איבער מארגן, ער וועט אלעמאל בלייבן קלאר און 'סימפל' מיט די ריינע פשוטע אמת.

און דאס איז ענדליך צו די שפיצל פון יעקב ביים אפקויפן די בכורה, ער האט פשוט געווארט פאר א שוואכע מינוט פון עשיו, און דענסמאל האט ער עס אפגעקויפט כדת וכדין אָן קיין שום פוקפוק. דאס איז יעקב אבינו שפיצלעך, ער שפילט נישט ארום מיט נישט כשר'ע סחורה, ער האלט פשוט די אויגן אפען פאר די ריכטיגע 'אפטאנערי', און דאס ברענגט אים שוין פון איינס צום צווייטן ביז ער איז אויסגעשטיגן מיט אזא הצלחה.

### ♦ תמימות וחיבור

א אמת'ע 'רמאי' איז זיך קיינמאל נישט מחבר מיט א צווייטן, ער האט נישט גענוג שטארקייט זיך צו האלטן מחובר מיט א צווייטן, ער האט א גאנצע צייט מורא אז מ'וועט באמערקן זיינע דריידלעך, ממילא איז ער זיך קיינמאל נישט אמת'דיג מחבר מיט א צווייטן, יעדעס ווארט וואס ער זאגט, איז דאס ארויסגעזאגט פון זיין 'זיך', ער האט נאך קיינמאל נישט געזען אדער געפילט דעם צווייטן באמת.

אבער דער 'רמאי בקדושה' אזויווי יעקב אבינו איז פונקט פארקערט, ער איז אזוי קלאר מיט זיך, אזוי קלאר מיט זיין אמת וואס ס'קומט זיך אים, אז ער קען אפילו לעבן מיט דעם 'לבן הארמי', און אפילו נאכן כאפן ווי שטארק ער האלט אים אין איין אויסנערן, נאך אלץ קען ער זיך ווייטער מחבר זיין און לעבן מיט אים, ער זעט פונקטליך לבן'ס פלאץ, און ער פארשטייט פונקטליך זיין פלאץ, ממילא קען ער ווייטער לעבן מיט אים, און נאך אלץ זיין מורא'דיג קלאר מיט זיך, ווארטנדיג רואיג אז ס'זאל זיך מאכן די 'אפעטאנערי' ארויס צו נעמען דאס וואס ס'קומט זיך אים.

א געווענטליכע 'רמאי' פראבירט אלץ ווי מער יענעם אויסצושפילן, ווי מער ס'געלאנגט אים יענעם צו דרייען און דרייען איז נאך בעסער, דאס איז די אינסטינקט און די 'גאול' פון דעם 'רמאי'. אבער דער 'רמאי בקדושה' איז פונקט פארקערט, דער 'רמאי בקדושה' האלט פונקטליך קאפ, ער זוכט בכלל נישט עפעס צו קאליע מאכן יענעם, דאס איז בכלל נישט זיין נושא, ער וויל פשוט ארויסרוקן דאס וואס ס'קומט זיך אים.

מ'איז צוגעוואוינט אז א 'תם' איז איינער וואס לאזט יעדעם טון מיט אים וואס מ'וויל, א 'תם' אזוי די 'תם' פון ד' בנים אין די הגדה, אבער באמת איז פונקט פארקערט, דוקא די 'תמימות' העלפט דער מענטש צו זיין שטארק און גראד מיטן אמת, די 'תמימות' - גראדקייט - און אמת'דיג'קייט, לאזט נישט דעם מענטש ווערן יענעמס נער, יענעמס עבד כענעני. דער 'תם' איז אזוי גראד אז ער דערשרעקט זיך נישט פון גארנישט וואס די פראבירסט אים אנצורעדן, ער גייט פשוט און גראד און וואנט אריין מיט זיין אמת'דיגקייט און תמימות, ער איז קלאר ווי ער איז און וואס זיין פלאץ איז.

ער לאזט דעם לבן זיך אנרעדן אז ער האט אים גוט אריינגעכאפט, אבער למעשה האלט ער א גוט אויג זיך ארויסצוזען מיט די גאנצע געלט וואס ס'קומט זיך אים, דאס איז יעקב אבינו.

### ♦ עביד אדם דינא לנפשיה

ס'איז באקאנט וואס די פוסקים זאגן אויף די איסור פון 'מדבר שקר תרחק', אז דער עיקר איסור איז צו זאגן ליגנט און אויסנערן יענעם, מיט געלט אדער אפילו מיט עפעס א ידיעה וכדומה. אבער אויב זאגט מען ליגנט פשוט זיך צו הוטן, איז נישט דא ביי דעם קיין שום שאלה פון ליגנט, אפילו

המשך בעמוד האחרון

## חלומות בתורה

אין די פרשה די וואך האבן מיר דריי מאל די ענין פון חלומות, קודם איז דא די גרויסע באוויסטע חלום פון יעקב מיט די לייטער. די צווייטע איז ווי דער מלאך איז געקומען צו יעקב אין 'חלום', און געוויזן וואס לבן פלאנט אים צו טון, אויך האט אים דער אייבישטער געהייסן דעמאלטס אהיים צוגיין קיין ארץ ישראל. און דערנאך סוף סדרה האבן מיר דער חלום פון לבן, וואס דער אייבישטער האט געווארענט לבן אז ער זאל נישט טון פאר יעקב קיין שום שלעכטס.

'חלומות' איז גאר א ברייטע ענין אין די תורה הקדושה, די תורה איז פיל מיט די ענין פון חלומות, די חלום פון אבימלך צו ארויסלאזן שרה, די חלומות פון יוסף הצדיק, די חלומות פון פרעה מלך מצרים, בלעם'ס חלומות, גדעון'ס חלומות (בספר שופטים), שלמה המלך האט געהאט עטליכע חלומות (מלכים א ג), נבוכדנצר'ס חלומות, די חלום פון די צלם, און די חלום פון די גרויסע בוים, דער חלום פון דניאל מיט די פיר חיות שבמרכבה.

אויך טרעפט מען חלומות ביים נביא שקר, 'כי יקום בקרבך נביא או חולם חלום וכו'. א 'שאלות חלום' טרעפט מען אין ספר שמואל (א פרק כח ו) ווי שאול המלך האט געמאכט א 'שאלות חלום', ווי די פסוק זאגט 'וישאל שאול בה' ולא ענהו ה' גם בחלומות וגו'', און דער רד"ק איז דארט מסביר אז ער האט געמאכט א 'שאלות חלום', ער האט געבעטן פון די בקיאים אין 'שאלות חלום' אז זיי זאלן פרעגן פאר אים אין חלום.

אין ש"ס פארנעמט די ענין פון 'חלומות' א שטארקע פלאץ אין אסאך סוגיות (ברכות פרק הרואה, תענית כד ע"א, חולין קלג ע"א, הוריות יג ע"ב), אויך דער זוהר הקדוש דערמאנט אסאך די ענין פון חלומות (בראשית דף קפ"ג ע"ב קצ"א ע"ב קצ"ו ע"א, ובשמות דף קמ"ד ע"א ועוד), און אזוי טרעפט מען ענינים אין אסאך ספרים הקדושים אין אלע דורות, און פון די באקאנטע איז די ספר - שו"ת מן השמים - וואס דאס זענען זאכן וואס ער האט געפרעגט אין חלום.

## שורש ענין החלום

די עצם הנפש פונעם מענטש איז נישט דוקא אויסגעפארמט לפי די מציאות העולם, די עצם הנפש קען טראכטן פיל ברייטער ווי די מציאות העולם, אבער בייטאג ווען ער איז אויף, פארעמט ער זיך אויס לפי די מציאות העולם, ער וועט זיך נישט לאזן טראכטן נאר זאכן וואס שטומן מיט די מציאות, בייטאג איז דער מענטש מגביל זיינע מחשבות לפי די הגבלות פון די וועלט, און מיט דעם ברענגט ער זיינע מחשבות זאלן זיין עפעקטיוו אין וועלט.

א מענטש האט אסאך רצונות און דמיונות, וואס זיי זענען אסאך אסאך מער פון וואס ס'איז שייך בכלל אויסצופירן, דאס איז א סימן אז דער נפש קען טראכטן זאכן בלי סוף וגבול, זאכן וואס האבן נישט דוקא קיין שום שייכות אין מציאות. אבער דאס איז די עבודה פונעם מענטש בייטאג, צו ארבעטן אראפצוהאלטן די מחשבות, אז זיי זאלן נאר זיין אין א צורה און אין א סטראקטשער, לויט ווי ס'פאדערט זיך אויף אונזער וועלט דא למטה, נאר מחשבות וואס זענען נוצבאר און מאכן סענס דא למטה.

ביינאכט אבער ווען דער מענטש איז נישט אין קאנטראל פון זיינע מחשבות, דעמאלטס גייט די נפש און די דמיון צוריק צו זיין אייגענער טבע, די נפש פאנגט אָן טראכטן וואס ס'לאזט זיך, פון אלעס וואס ער וואלט נאר געוואלט ווילן, און פון אלעס וואס ער וואלט געוואלט דמיונ'ן. דאס איז די כח פון חלומות, אז זיי זענען נישט מוגבל אין די מציאות העולם.

> **אמאליגע צייטן איז מען פאר שעות לאנג געווען אין חושך, גאנצע נעכט איז מען געווען אין די טונקל, ממילא איז מען באמת אריינגעגאנגען אין א חלומות וועלט, אבער היינטיגע צייטן וואס א גאנצע נאכט איז מען אין די ליכטיגקייט, האלט דאס אפ די נפש פון איינצוזונקן אין א אמת'ע טיפע שלאף, און צו חלומ'ן אמת'ע חלומות, ממילא זענען די פוסקים שטארק מקיל אין חלומות היינטיגע צייטן**

און דאס איז די שורש פון דאס וואס מ'זעט אין פסוקים און אין חז"ל אז חלומות קענען ברענגען ידיעות מלמעלה, ווייל אויב זיי זענען נישט מוגבל אין די מציאות, קענען זיי אויטאמאטיש באקומען ידיעות אויך פון העכערע עולמות. בייטאג אז דער מענטש בינדט אראפ זיינע מחשבות צו די מציאות אינעם 'הוה', קען ער נישט באקומען עפעס א ידיעה מלמעלה, אבער ביינאכט אז ער איז נישט אראפ געבינדן, דעמאלטס קען ער מרגיש זיין אביסל ברייטער אויך, ווי מ'זעט בחוש אז אין חלומות עפענט זיך די גאנצע 'עבר' פונעם מענטש, דער מענטש האלט און אין אריינברענגען זאכן פון זכרון, איז צומאל אז ס'עפענט זיך ברייט, קען מען באקומען אויך א ידיעה פונעם 'עתיד' (ווי מ'זעט אין די תורה אז חלומות האבן א שייכות מיט נבואה).

## תענית חלום

א 'תענית חלום' איז גאר א שטארקע תענית און אפילו 'שבת' האט מען געמעגט פאסטן אויב מ'האט געהאט א שלעכטע חלום. היינטיגע צייטן זאגן אלע פוסקים, אז מ'זאל נישט מאכן קיין עסק פון קיין חלומות, ווי ס'איז מבואר אין אגרות חזו"א (ח"ב קמ"ט) ווי איינער פרעגט אים אָן אז ער האט געחלומט א חלום וואס מ'דארף פאסטן, און דער חזו"א ענטפערט אים אז ער אליינס האט אסאך מאל געחלומט אזעלכע חלומות און ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט.

און אזוי איז מבואר אין ערוך השלחן (הלכות שבת סימן רפח) און אזוי איז מבואר באריכות אין פסקי תשובות (סימן רכ אות א - סימן רפח אות ד) אז די פוסקים זאגן אז היינטיגע צייטן זאל מען נישט מאכן קיין עסק וועגען חלומות, ווייל די נפשות זענען אנגעפילט היינטיגע צייטן מיט שטותים, און אלעס וואס מ'חלומט זענען פון די שטותים פון בייטאג.

איז לויט ווי געשמועסט איז די ביאור פון דעם ווייל אפילו ביינאכט גייט נישט די נפש ארויס פון די הגבלות פון די וועלט,

המשך בעמוד הבא

## ענינים

המשך

און היינטיגע צייטן אז דער נפש אזוי פארקלעפט און אנגעפילט מיט שטותים, ער איז מוגבל אין אזוי פיל שטותים, ממילא געשעדט אז אפילו ביים חלומ'ן בלייבט ער מוגבל, ער קען זיך נישט אויפהייבן צו עפעס א העכערע עולם, ממילא האלטן די פוסקים אז היינטיגע צייטן איז נישט שייך מ'זאל באקומען א ידיעה מלמעלה.

און בפרט אויף די אופן ווי מענטשן שלאפן אין היינטיגע צייטן, האלטנדיג די סלפון אין האנט, און גלייך ווען מ'וועקט זיך איז מען גלייך ביים קאר און מ'געט א דריק אראפ דעם 'פעדל' און מ'איז אין בית המדרש. וואס ס'קומט אויס אז די נפש פאלט נישט אריין אין עפעס א חלום וועלט, ער בלייבט א גאנצע צייט מקושר מיט די וועלט, ער האלט אַן די סעלפון ביים איינשלאפן, און ווען ער וועקט זיך אויף און הערט ווייטער, וואס דאס בלאקט די נפש צו באמת איינזונקען אין א טיפע שלאף וואס פעלט זיך פאר צו גוט חלומ'ן. און דאס איז וואס מ'זעט בחוש אז די חלומות פליען היינט גלייך ארויס פון קאפ, ווייל די קאפ איז נישט דערביי, די קאפ איז איינגעזונקען אין וועלט, אינעם סעלפון וכדומה.

שטייט אין די פוסקים אז אפילו אויב מ'זאל מחמיר זיין אויף א 'תענית חלום' אויך היינטיגע צייטן, וועט דאס זיין נאר אויף א חלום פון ביינאכט, אבער א חלום פון 'שינת צהרים' דארף מען זוכער נישט מחמיר זיין, ווייל די נפש גייט נישט געהעריג ארויף ביי שינת צהרים. איז בצד מה היינטיגע צייטן - אפילו חלומות פון ביינאכט, ווערן פארעכנט אביסל ווי חלומות פון בייטאג, היות היינטיגע צייטן מאכן די לייטס ליכטיג איבעראל.

אמאליגע צייטן איז מען פאר שעות לאנג געווען אין חושך, גאנצע נעכט איז מען געווען אין די טונקל, ממילא איז מען באמת אריינגעגאנגען אין א חלומות וועלט, אבער היינטיגע צייטן וואס א גאנצע נאכט איז מען אין די ליכטיגקייט, האלט דאס אפ די נפש פון איינצוזונקען אין א אמת'ע טיפע שלאף, און צו חלומ'ן אמת'ע חלומות, ממילא זענען די פוסקים שטארק מקיל אין חלומות היינטיגע צייטן.

## פרשה

המשך

נישט קיין איסור דרבנן, און אפילו נישט קיין מילי דחסידות, א מענטש מעג זיך אפהוטן זיינע פריוואטע זאכן וכדומה (רק לפי חומרא דר' פנחס קאריצער וכדומה, ממש לו להוציא מפיו לעולם דיבור של שקר).

איז די זעלבע זאך ביי 'רמאות', אויב די צוגאנג איז פשוט זיך אפצוהוטן פון דעם רמאי וואס וויל מיך בא'גזל'ן, הייסט דאס נישט אז די שקר'נסט און נער'סט אויס יענעם, דאס ווערט אנגערופן אז די הוטסט דיך פשוט אפ, דאס איז די יסוד פון 'עם עקש תתפתל'.

ענדליך צו דעם וואס די חז"ל זאגן (ב"ק כז ע"ב, רמב"ם סנהדרין פ"ב הל"יב, חושן משפט סימן סד סעיף א) 'עבד אדם דיניה לנפשיה', בפרט אז אויב ער וועט נישט אליינס קער נעמען וועט ארויסקומען א פסידא, ביז מ'וועט גיין צו א 'דין תורה' וועט שוין נישט זיין וואס צו ראטעווען, וואס דאן האט מען די רעכט צו טון צו די זאך אליינס, און כל שכן אויף א אופן פון 'גרמא' אזוי ווי דא ביי יעקב אבינו, וואס ער האט נאר געארבעט בדרך גרמא אז לבן'ס נכסים זאל זיך אריינריקן צו אים.

### ◆ תיקון העולם

די 'רמאים' מאכן חרוב די וועלט, ווייל די ווייסט נישט מיט וועם די גייסט צום טיש, און דאס איז גאר א שטארקע 'תיקון העולם' צו מברר זיין און אויסקלארן ווער ס'זענען די 'רמאים'.

און דאס זעט מען כסדר אין חז"ל ווי מ'מאכט תקנות קעגען די 'רמאים', וואס דאס ווערט אנגערופן 'מפני הרמאים', ווי מ'זעט אין הלכות פאה און אין הלכות שביעית און נאך פיל פלעצער. און דאס איז נאך א היתר פאר אונז אויף צו גיין קרים מיטן די 'רמאים', 'עם עקש תתפתל'. ווייל דאס גיין קרים מיט זיי איז א 'תיקון העולם', אז זיי זאלן זען אז זיי קענען נישט טון וואס זיי ווילן אויב מ'וועט זיי נישט צולערנען, וועט דאס ברענגען א 'חורבן עולם', די רמאים וועלן זיך הייבן די קעפ און טון וואס ס'גלוסט זיך זיי, און נאכדעם וועט עס זיין גאר שווער עס מוציא צו זיין בדין, וועגן דעם איז דא אזא היתר פון 'עבד אדם דינא לנפשיה', און 'עם עקש תתפתל'.

א אונטערסאנטע שאלה שטייט אין שאלות ותשובות תורה לשמה (סימן שעא) פון דער הייליגער בן איש חי, ער ווערט אנגעפרעגט וועגן א פרוי וואס מאנט 'ירושה' אין קאורט (ערכאות), קעגן די דין תורה אז פרויען ירש'נען נישט, און דער זון וויל מאכן א פאלטשע שטר אז דער טאטע האט קלאר געגעבן זיינע נכסים נאר פאר אים, צו ס'איז דא ביי דעם א איסור פון 'מדבר שקר תרחק', און דער בן איש חי איז אים עס מתיר, ער זאגט אז דאס איז אין כלל פון 'תיקון העולם' מחזיק צו זיין די הענט פון בית דין, און דאס גייט גאר אריין אין כלל פון 'לשנות מפני השלום', ווייל שלום דא מיינט מוציא צו זיין די ריכטיגע פסק לפי די דיני התורה. וואס ווי פארשטענדליך איז דאס אלץ אין כלל פון אונזער סוגיא פון 'עם עקש תתפתל', אז דאס איז די תיקון העולם זיי אונטער צו ברעכן.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ב. 972-50-413-8477+